# צום פינטל

גליון קב
פרשת נח תשפ"ה

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

### חכמת אקוסטיקה - תורת הקול

**• תורת הקול**

'חכמת אקוסטיקה' איז א אפטיילונג אין 'פיזיקס' (physics) וואס איז עוסק אין דורכטון די קול, וויאזוי א קול פארט אין די לופט, וויאזוי פארט א קול אין וואסער, אין האלץ אייזן וכדומה, און נאך אסאך ענינים וואס האט צוטון מיט 'קול'. 'חכמת אקוסטיקה' איז א גרויסע חכמה און א טיפע חכמה, ס'איז גאנץ א דקות'דיגע חכמה, און ס'איז נאכנישט אינגאנצן אויסגעקלארט ביי די וויסנשאפטלער, און אסאך מאל קען מען נישט דערכאפן וואס פעלט אין א שטוב אדער אין א זאל אז ס'האט נישט אזא גוטע קול (א וויסענשאפטלער וואס איז עוסק אין 'אקוסטיקה', ווערט אנגערופן א 'אקוסטיקאי').

אז א קול זאל זיין גוט, דארף זיין א גוטע ווידער קול, נישט א ווידער קול וואס איז אפגעטיילט (קול הברה), נאר א ווידער קול וואס איז איינס מיט די עכטע קול, א גוטע ווידער קול. פאר א גוטע קול איז געווענטליך בעסער אינדערוויינינג אין א הויז אדער אין א בנין, אינדערוויינינג איז דער קול מער צוזאמגענומען, דער קול האלט זיך בעסער.

אינדערוועניג איז דא א בעסערע 'אקוסטיקה', די ווענט ווארפן גוט צוריק די קול כוואליעס, די ווענט ריפלעקן גוט די 'גלי הקול', אינדרויסן איז די קול נישט צוזאמגענומען, און די קול ווערט לייכטערהייט אויסגעוועפט און פארפירט. אודאי איז עס תלוי אין נאך אסאך זאכן, יעדער שטוב דארף ווערן עקסטער דורגעכטון, געוואנדן לפי וויאזוי די הויז איז אויסגעשטעלט וכו'.

אפילו אינדערוויינינג אין א הויז איז וויכטיג אז די ווענט זאלן נישט איינזאפן די 'גלי הקול', די מאטריאל פון די ווענט זאל זיין פון א גוטע מאטריאל, א מאטריאל וואס ווארפט גוט צוריק די קול כוואליעס. ס'איז דא היינט אסאך חכמות אויסצושטעלן גוט א שטוב, אויסצושטעלן גוט א חתונה זאל, א סטאַדיא וכדומה, אז


**אויב דער 'שומע' נעמט נישט אַן וואס דער 'משמיע' זאגט, ער לאזט נישט אריין די דיבורים, ער זאפט נישט איין די דיבורים אין זיך, דאן געשעט אז די קול טאנצט צוריק, און דער וואס האט גערעדט די ווערטער, הערט כאילו צוריק זיינע אייגענע דיבורים**


די ווענט און די דאך זאלן זיין גוט אויסגעשטעלט, גוטע מאטריאל, וואס ווארפן גוט צוריק קול, נישט מאטריאל וואס זאפט איין.

אויך איז וויכטיג אז די שטוב זאל נישט זיין, נישט צו גרויס און נישט צו קליין, די 'גלי הקול' דארפן האבן פלאץ זיך אויסצושפרייטן, זיי דארפן זיך אויסציען, אבער פון די אנדערע זייט דארפן זיי אויך גוט צוריק טאנצן. א קליינע שטוב וועלן די גלי הקול זיין שטייערדיגע גלים, זיי וועלן נישט זיין גענוג גוט אויסגעצויגען, וואס דאס איז נישט גוט פאר א קול. און פון די אנדערע זייט, צו א גרויסע שטוב איז אויך נישט גוט, ווייל די 'גלי הקול' וועלן נישט גוט צוריק שפרינגען (פארשטייט זיך אז ס'איז תלוי אין אסאך זאכן, ווי הויעך די קול איז וכו').

**• צדיק בדורותיו**

דער מאור עינים ברענגט בשם דער גרויסער מגיד, ווען א 'מוכיח' זאגט מוסר און מ'נעמט עס נישט אַן, קומט צוריק די תוכחה צום 'מוכיח' צוזאמען מיט די 'כח השמיעה' פון די מענטשן. דער גרויסער מגיד זאגט אז דער 'מוכיח' איז זוכה אין די 'כח השמיעה' פון די אלע מענטשן וואס האבן נישט געוואלט אויסהערן און אנעמען זיינע דברי מוסר.

מיט דעם טייטשט ער 'יש דורשין לגנאי', די גאנצע צדקות פון נח איז נאר געווען מכח זיין 'דור', פון די 'כח השמיעה' וואס ער האט באקומען פון זיין דור. ער האט זיי מוסר געזאגט, און זיי האבן אים נישט געוואלט אויסהערן, אזוי האט ער באקומען אלע זייערע כוחות, פון דעם איז געווארן א 'נח איש צדיק'. צדיק בדורתיו, א צדיק נאר מיט די כוחות פון זיין דור, נישט מיט זיינע אייגענע כוחות.

ווען א מענטש רעדט צו א צווייטן, דער וואס רעדט געבט ארויס א קול, און דער וואס הערט זאפט איין די קול, ווען די קול ווערט איינגעזאפט, קומט עס נישט צוריק צו דער וואס האט עס גערעדט. אבער אויב דער 'שומע' נעמט נישט אַן וואס דער 'משמיע' זאגט, ער לאזט נישט אריין די דיבורים, ער זאפט נישט איין די דיבורים אין זיך, דאן געשעט אז די קול טאנצט צוריק, און דער וואס האט גערעדט די ווערטער, הערט כאילו צוריק זיינע אייגענע דיבורים.

אזוי ווי ביי חכמת אקוסקיטה', טאמער די קול ווערט איינגעזאפט אין די ווענט, איז דאס נישט גוט, די קול ווערט צו

המשך בעמוד הבא

פארוואסערט, די קול פארלירט איר שטארקייט, מ'זוכט דוקא אז די קול זאל גוט צוריק טאנצן. די זעלבע זאך איז אויך סתם ווען איינער רעדט צום צווייטן, בצד מה בעסער איז בעסער אז דער וואס הערט נעמט עס נישט אן, ער זאפט עס נישט איין, אזוי טאנצט עס גוט צוריק צום רעדער.

מעין אזעלכע ענינים זאגט דער מאור עינים, אז די 'שומעים' הערן נישט אויס די דברי תוכחה, הערט עס דער 'מוכיח' צוריק שטערקער. ווען א 'מוכיח' זאגט מוסר, אויב די שומעים הערן אים גוט אויס, מיינט דאס אז זיינע ווערטער ווערט איינגעזאפט אין די שומעים, אבער אויב זיי הערן אים נישט גוט אויס, וואס געשעט איז, אז זיין קול טאנצט כאילו צוריק צום 'משמיע', דער 'משמיע' הערט כאילו שטערקער זיין אייגענע קול.

## • זיך גוט צוריק צוהערן

היינט איז א גרויסע עסק ביי זינגערס און בעלי דרשנים, אז זיי זאלן זיך אליינס גוט צוריק הערן, דאס געבט זיי אסאך כח ווייטער צו זינגען און רעדן, מ'מאכט אפילו אז דער זינגער האט ערפוינס אויף זיינע אויערן, אזוי הערט זיך גוט צוריק, וואס דאס געבט אים כח ארויסצוקומען שטערקער. אביסל מעין זה, אויב זאגט מען 'מוסר' און מ'נעמט עס נישט אן, טאנצט די דברי מוסר צוריק צום מדבר, און ער הערט זיך אליינס אסאך שטערקער.

[דער מוכיח דארף נאר האבן כח צוריק צו הערן 'דברי מוסר', אסאך מאל איז ער נאר 'מוכיח' א צווייטן, און ער אליינס האט בעצם נישט די כוחות און די געדולט צו הערן. שטייט אין שארית ישראל אז ווען מ'זאגט מוסר זאל מען אלעמאל טרעפן א משהו פון דעם ביי זיך אליינס, מ'זאל זיך אליינס אביסל צוריק הערן, דאס איז פון די יסודות פון בעל שם טוב אז 'מוכיח' זיין דארף מען קענען, ווי ס'איז באקאנט אז דער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא האט גוט געקענט די פאך, און זיי פלעגן טרעפן כביכול עבירות ביי זיך, און אזוי האבן זיי געזאגט מוסר פאר אנדערע, זיי פלעגן רעדן צו זיך און די אנדערע האבן שוין געהערט].

דער מענטש האט ליב צו פארציילן זיינע זאכן פאר אנדערע, מיט דעם פילט ער ווי אנדערע האלטן מיט, ווי אנדערע געבן אים חשיבות פאר זיינע זאכן. אויב נעמען זיי עס אָן פילט ער צופרידן, ער פילט רואיג, זיינע חברים ידידים און באקאנטע האבן אנגענומען זיינע זאכן, זיי זענען אים מחשיב. אויב נעמען זיי עס נישט אָן, זיי ווילן אים נישט אויסהערן, זיי זענען אים נישט מחשיב, געשעט א אונטערסאנטע זאך, דער מענטש פאנגט אן נכאמאל איבער צוטראכטן זיינע זאכן, כאילו ווי צו פארזיכערן אז זיי זענען גוט, ער פראבירט כאילו עס אליינס צוריק צוהערן דאס וואס ער האט געזאגט פאר יענעם.

און צומאל הערט ער עס יעצט אסאך טיפער, פריער איז ער געווען פארנומען עס ארויסצוגעבן פאר יענעם, יעצט אז יענער וויל עס נישט הערן, הערט ער עס איבער [כאילו] אסאך טיפער. ער פראבירט אליינס נאכאמאל זיך מתבונן זיין, ער הערט נאכאמאל ווי גוט ער האט געזאגט פאר יענעם, און זיין וואנדער האלט און איין שטייגן, ווי קען זיין יענער האט נישט געוואלט מחשיב זיין וואס איך האב געזאגט.

דאס קען האבן א שייכות מיט די ענין פון מאור עינים, אז יענעמס כח השמיעה קומט צוריק צו אים. ער האט 'משמיע' געווען עפעס פאר יענעם, און דוקא ווייל זיי האבן אים נישט געוואלט אויסהערן, איז עס צוריק געקומען, דער 'משמיע' באקומט די כח השמיעה פון דער 'שומע', ער הערט עס אליינס אביער אויף א טיפערע לעוועל, דער 'משמיע' ווערט איבער געדרייט פאר א 'שומע', כאילו דער 'שומע' און 'משמיע' צוזאמען. אזא זאך קען מען ווען ארויס נעמען פון וואס דער מאור עינים איז מסביר.

## • רעגן בויגן

אין די פרשה לערנט מען פון די רעגן בויגן, א רעגן בויגן ארבעט אויך אויף די וועג, אז דוקא די שטריילן וואס ווערן נישט איינגעזאפט אין די וואלקענעס, זיי זענען די וואס געבן ארויס אזא שיינע רעגן בויגן, וואס האט אזעלכע שיינע קאלירן און ריפלעקשענס. ווי באקאנט אז אין די שטריילן פון די זון איז דא זיבן קאלירן, זיבן עקסטערע סארטן שטראלן, און ס'איז דא געוויסע מאטריאלן וואס זאפן איין אלע שטראלן, אנדערע זאפן איין נאר א חלק, אנדערע צוברעכן על כל פנים די שטריילן, ס'זאל כאפן א בייג, א שווארצע זאך זאפט איין אינגאנצן, א רויטע זאך זאפט איין אלע שטראלן אויסער רויט, א געלע זאך זאפט איין אלע שטראלן אויסער געל, און אזוי ווייטער.

און פון דעם באקומט אזא שיינע רעגן בויגן, דוקא פון די טראפנס רעגן, די טראפנס אין די וואלקענעס, וואס זאפן נישט אזוי גוט איין, זיי צוברעכן די שטראלן און ווארפן עס צוריק, אזוי באקומט אזעלכע שיינע קאלירן. די שטראלן וואס ווערן איינגעזאפט אין די וואלקענס, די אלע שטראלן זעט מען נישט, מ'זעט נאר די שטראלן וואס ווערט צוריק געווארפן, דוקא דאס שפיגלט צוריק אזוי שיין.

ממש ווי די פריערדיגע ענין, אז ס'דארף דיך נישט שטערן אז איינער וויל דיך נישט אויסהערן, דורך דעם וועט עס בעסער צוריק שפיגלן צו דיך. מעין ווי די יסוד פון די מאור עינים אז די 'שומעים' וואס זענען נישט מקבל די תוכחה, קומען די דיבורים צוריק צום 'מוכיח' און נאך ביותר שאת. די ווערטער ווערן גוט צוריק געשפיגלט צום מוכיח, ס'ריפרעקלעט צו אים מיט א שיינקייט און שטארקייט.

# סטענדירט טיים (Standard Time)

## פונקטליכע צייט

מוצאי שבת ריקט מען די זייגער מיט א שעה פריער, צו די ווינטער צייט (Standard Time - זמן סטנדרטי), די אמת'ע צייט. די זומער צייט (Daylight Saving Time - DST) איז פאר זייטיגע סיבות, צו שפארן געז און עלעקטריק (די גאנצע זאך קומט בעצם פון אמאליגע צייטן, היינטיגע צייטן איז דאס א גרויסע ספק און די פאליטיק כידוע, היינטיגע צייטן ניצט מען סיי ווי סיי לייטס א גאנצע טאג, און מ'שטייט ממילא אויף שפעט וכו'). יעצט אז ס'קומט די ווינטער, ס'איז נישט דא מער די זייטיגע סיבות, גייט מען צוריק צו די געהעריגע צייט, מ'גייט צוריק צו די ווינטער צייט.

זינט די וועלט שטייט פראבירט דער מענטש צו צופאסן די בריאה צו זיך, ער נעמט רויע מאטריאל און ער מאכט הייזער און כלים, ער פלאנצט איין זיין עסן, אלעס פארעמט ער אויס צו צופאסן צו זיך. די בריאה כשלעצמה איז נישט גרייט פארן מענטש, דער מענטש דערף שווער ארבעטן אז ס'זאל זיין צוגעפאסט.

פונקט די זעלבע זאך איז מיט 'צייט'. זינט די וועלטס באשאף, פראבירט דער מענטש צו מאכן פונקטליכער די 'צייט', די גאנצע שית אלפי שנין ארבעט דער מענטשט, ווי קען איך בעסער אהער שטעלן די 'זמן', ווי קען איך בעסער אהערשטעלן און ריכטיגער אויסרעכענען די צייט.

זינט
די וועלטס באשאף,
פראבירט דער מענטש צו
מאכן פונקטליכער די 'צייט',
די גאנצע שית אלפי שנין ארבעט
דער מענטשט, ווי קען איך בעסער
אהער שטעלן די 'זמן', ווי קען
איך בעסער אהערשטעלן און
ריכטיגער אויסרעכענען
די צייט

אנפאנג האט מען געניצט מער ברייטערע זמנים, אין תנ"ך טרעפט מען נישט קיין 'שעות', מ'טרעפט 'ערב בוקר צהרים', מ'טרעפט 'אשמורות', וואס דאס איז א צוטיילונג פון דריי אדער פיר חלקים (ברכות ד ע"ב). ווי א דור שפעטער האט זיך מער אויסגעשארפט צו מעסטן די צייט, אזויווי אלע גשמיות'דיגע זאכן האט זיך אויסגעשארפט מיט די יארן (ווי די תורה פארציילט אין פרשת בראשית דער ערשטער וואס האט געמאכט געצעלטן, דער ערשטער וואס האט געמאכט כלי זמר, דער ערשעטר צו מאכן די כלי מחרישה), אלע גשמיות'דיגע זאכן האט זיך דיוועלעפט מיט די יארן, מיט די יארן האט זיך דער מענטש אויסגעלערנט צו צופאסן די בריאה פאר זיינע צרכים.

די זעלבע זאך איז געווען מיט די זאך וואס הייסט 'צייט', דער מענטש האט געהאלטן און איין אויסשלייפן די בריאה פון צייט, אז זי זאל זיין בעסער צוגעפאסט פאר זיינע צרכים, אז די צייט זאל אים ארויסהעלפן אינעם טאג, מער און מער פונקטליכער.

## מאן דלא מוסיף יסיף

אמאליגע צייטן איז ביינאכט בכלל נישט געווען אזא מושג פון 'שעות', ביינאכט איז נישט געווען קיין זון, מ'זעט אין גמרא אז ביינאכט פלעגט מען צוטיילן אויף דריי אדער פיר חלקים, דריי אדער פיר אשמורות. שפעטער ווען ס'איז ארויסגעקומען די 'אנציער זייגער', האט מען אנגעפאנגן צו האבן אזא מושג פון 'שעות' אויך ביינאכט, מ'קען זיך נישט פארשטעלן ווי פונקטליכער אלעס איז געווארן.

די חז"ל זאגן (בבא בתרא פרק יש נוחלין) אז פון 'חמשה עשר באב' זאל מען אנפאנגן צו לערנען מער ביינאכט, די נעכט פאנגן אן צוביסלעך צו ווערן א משהו לענגער, מער און מער, זאל מען כסדר אביסל מוסיף זיין צו לערנען ביינאכט.

וואס ווי פארשטענדלך אז ווען ס'איז דא זייגערס, ווען אלעס ארבעט אויף 'שעות', פאסט נישט אזא זאך בכלל, זאג ווי סאך שעות מ'זאל לערנען און פארטיג, אבער היות דעמאלטס זענען נישט געווען קיין זייגערס, ביינאכט איז בכלל נישט געווען קיין שעות, מ'איז געגאנגן שלאפן אנפאנג נאכט, און מ'איז געשלאפן ביז צופרי ווען די זון האט אנגעפאנגן צו שיינען, דא דארף מען שוין זאגן, זאלסט וויסן אז יעצט פאנגן די נעכט אָן צו ווערן לענגער, די שלאפסט אין די נאכט אריין און די האסט נישט קיין אנאנג ווי סאך שעות די שלאפסט, איך וועל דיר זאגן, איך וועל דיר מגלה סוד זיין, די דארפסט נישט אזוי שלאפן, די דארפסט נישט שלאפן א גאנצע נאכט, די קענסט אראפ ציפן א משהו פון יעדער נאכט, יעדער נאכט אביסל מער און מער.

ווי מער א דור שפעטער אין די היסטוריה, ווערט די זייגער מער און מער פונקטליכער, אויף די מינוטין און סקונדעס וכו', דער מענטש האלט און איין לעבן מער און מער פונקטליכער, ער האלט און איין צופאסן די צייט צו זיך בעסער און בעסער. פאר הונדערט צוויי הונדערט יאר צוריק בערך, האט זיך אנגעפאנגן טאשן זייגערס, מ'גייט ארום א גאנצע טאג מיט א זייגער, מ'לעבט מיטן זייגער א גאנצע צייט, היינט איז עס שוין אסאך מער, היינט האט מען די הענט זייגערס און די סעלפון'ס, מ'לעבט מיטן זייגער יעדער רגע ממש, די זייגער איז אויסגערעכנט און צוגעפאסט צום מענטש אויפן האר.

און ווען די מדינות האבן געמאכט א געזעץ אז זומער גייט מען ריקן די זייגער א שעה שפעטער, און ווינטער גייט מען צוריק ריקן צו די געהעריגע זמן, דאס מיינט אז מ'גייט נאך מער צו פאסן די 'זמן' צו די צרכים פונעם מענטש. מ'גייט נאך מער צופאסן די בריאה וואס הייסט 'זמן' אז ס'זאל זיין נאכמער צוגעפאסט צום מענטש.

## שעות אין די תורה

ווי געשמועסט, אין די תורה טרעפט מען נישט אזא זאך ווי 'שעות', מ'טרעפט 'ערב בוקר צהרים', אשמורות, אבער 'שעות' טרעפט מען נישט, שעות איז א שפעטערע זאך, אין די צייטן פון תנ"ך איז דאס נאך נישט געווען. אין משנה און גמרא איז שוין יא דא אסאך די מושג 'שעות', 'שעות' וואס מ'האט אויסגערעכנט לפי די זון, מ'האט צוטיילט דעם טאג אויף צוועלף שעות, און מ'פלעגט דאס אויסרעכנען אויף פארשידענע וועגן, דארך די שאטן'ס וואס די זון מאכט, אדער דורך די אצטרלו"ב.

[צו פארשטיין וויאזוי די אצטרלו"ב האט געארבעט: שפרייט אויס איין הענט צום אופק, און די אנדערע הענט צום זון, די ענגעל צווישן דיינע צוויי הענט, דאס איז די שטח וואס די זון איז שוין היינט געגאנגן, וואס לויט דעם וייסטו בערך וויפל אזייגער ס'איז. בערך אויף אזעלכע חשבונות איז געלאפן די איצטרלו"ב, וואס דאס איז געווען א אסטרנומישע כלי פאר אסאך יארן אין די היסטוריא, נאך פון די צייטן פון די גמרא. די נאמען אצטרלו"ב איז א שפעטערע נאמען, פון די אראבישע לענדער].

אין די צייטן פון די ראשונים איז געווען צושפרייט די 'זון זייגערס'

המשך בעמוד הבא

וואס גייט אויף 'שעות שויות', שפעטער פאר בערך צווי הונדערט יאר צוריק איז אריינגעקומען די 'אנציער זייגערס', נאכדעם די 'לעקטריק זייגערס' וואס אונז האבן היינט.

אין די בריאה איז נישט ניכר אז ס'האט זיך געטוישט א שעה, אין די בריאה איז ניכר די צייט פון חצות, ווי די זון גייט אריבער צו די אנדערע זייט פון זיין רינג, און פון דעם פראבירט מען אויסצורעכענען אלע אנדערע שעות פון טאג. מ'קען אויך אויסרעכענען פון די עלות השחר, אדער פון די צאת הכוכבים, אבער זיי זענען נישט ניכר פונקטליך אויפן האר, חצות איז ניכר פונקטליך אויפן האר, חצות איז די בעסטע אויסצורעכענען אלע שעות אין טאג.

## שעות זענען נישט ניכר

שעות זענען נישט ניכר אין די מציאות, ממילא קומט ארויס גרויסע מחלוקת'ן וויאזוי מ'רעכנט שעות, ס'איז דא וואס צוטיילן צוועלעף שעה פון די נץ החמה ביז די שקיעת החמה (שיטת הלבוש), אנדערע גייען אז פון די עלות השחר ביזן צאת הכוכבים. נאכדעם איז דא די וואס גייען מיט 'שעות שויות' (קאמארנע יעב"ץ ועוד), וואס דאס ארבעט אז מ'רעכנט עס פון חצות ביז חצות, וואס דאס איז וויאזוי זייגערס לויפן, פון חצות (AM) ביז חצות (PM), וואס דאס איז שעות שויות.

שעות זענען נישט ניכר אין די בריאה, דער מענטש רעכנעט עס אויס, ער דארף קענען רעכנען און מעסטן, וואס פארדעם האט דער מענטש אוועקגעשטעלט א זייגער, א זייגער איז א מאשין וואס איז אוועקגעשטעלט צו מעסטן צייט, ווען ס'ריקט זיך א שעה אויפן זייגער, מיינט דאס אז ס'האט זיך געריקט א שעה אין די מציאות. דאס איז א זייגער, א מעסטער, אזוי ווי א מעסטער אויסצומעסטן שטח, אויסצומעסטן 'מקום', אזוי איז דא א מעסטער אויסצורעכנען 'זמן', וואס דאס איז א זייגער.

נישט נאר די שעות זענען נישט ניכר אין די בריאה, די חדשים למשל זענען אויך נישט ניכר עד הסוף, די חדשים זענען נישט פונקטליכע דרייסיג טעג, מ'מוז האבן דער מענטש זאל צופאסן די חדשים צו די טעג, וואס דאס איז להבדיל אלפי אלפים הבדלות געווען די ארבעט פון די סנהדרין ביים מקדש זיין די חודש, צופאסן די מציאות צו די ניצן פונעם מענטש, דער מענטשהייט קען נישט גיין מיט א חודש מיט ניין און צוואנציג און א האלב טאג, דער מענטשהייט דארף עס צופאסן צו זיך לויט טעג (ימים אתה מונה לחדשים).

## שעון אזורי (regional time)

די היינטיגע זייגער איז נישט אמת'דיג, ס'איז נישט לפי די אמת'ע מציאות אין יעדער פלאץ, ס'איז צוטיילט אויף שטחים, יעדער עטליכע מייל אין די וועלט איז דא א אנדערע זייגער, אזוי זאל מען זיך קענען בעסער צוזאם רעדן מיט אלע שטעט ארום. דאס ווערט אנגערופן 'שעון אזורי', יעדער געגענט האט א באשטימטע זייגער. דא אין ניו יארק איז מען אפגעריקט מיט פיר מינוט פון די מציאות כידוע.

'שעות' זענען באמת קיינמאל נישט עפעס אזוי אמת'דיג, אין די מציאות איז דאך נישט ניכר אזא זאך ווי א 'שעה', דער מענטש איז דער וואס רעכנט עס אויס, איז אויב דער מענטש איז ממילא דער וואס רעכנט עס אויס, דער וואס פאסט עס צו צו זיך, פארוואס זאל ער נישט קענען נאך בעסער צו פאסן, פארוואס זאל ער נישט קענען גיין יעדער לפי זיין געגענט, איינגעטיילט אין אזורים, יעדער געגענט זאל האבן זיין זייגער.

ס'איז אנגענומען אין די וועלט אז די ווינטער צייט איז די נָארמַאלע צייט, ס'איז דא אסאך לענדער וואס האבן א גאנצע יאר נאר די ווינטערדיגע זייגער. אבער מ'דארף פארשטיין וואס עפעס איז די 'ווינטער צייט' די געהעריגע צייט, אפשר איז די זומער צייט די געהעריגע צייט. גרעכט אז די ווינטער צייט איז מער קרוב צו די מציאות, אבער ס'איז דאך אויך נישט ממש לפי די מציאות, ס'איז דאך סיי ווי אזויוי דער מענטש וויל עס מסדר זיין. קוקט אבער אויס אז ווי נאנטער צו די מציאות, רופט מען מער אמת'דיג און נאטורליך.

## די קלענערע חלקים פונעם 'זמן'

די פילוסופים האבן א חקירה (מובא בקדמונים) צו 'זמן' איז איין גרויסע מציאות וואס דער מענטש צושטיקלט, אדער 'זמן' איז אסאך קליינע שטיקלעך. 'זמן' איז א זאך וואס בטבע איז עס צוטיילט אויף די אלע חלקים פון זמן, אדער בטבע איז די זמן איין גרויסע מציאות, נאר דער מענטש איז דער וואס מעסט עס אפ און צוטיילט עס, ער צוטיילט די צייט אויף פארשידענע קלענערע חלקים, יארן, חדשים, טעג, שעות, מינוטן, סקונדעס וכו', ער פאסט צו די צייט צו זיין באניץ.

אזוי ווי 'מקום' איז איין גרויסע מציאות, די גאנצע ערד קוגל איז איין גרויסע שטיק, און דער מענטש צוטיילט עס אויף קלענערע חלקים, ס'ווערט צוטיילט אויף מדינות שטעט דערפער הייזער גאסן וכו', אזוי זאל ער זיך קענען באניצן מיט די מקום, אזוי זאל ער קענען צו פאסן די מקום צו זיך. די זעלבע זאך איז מיט צייט, די צייט איז איין גרויסע מציאות, און דער מענטש צוטיילט עס אויף אסאך קלענערע חלקים, אזוי זאל ער קענען זיך באניצן מיט די צייט, די צייט זאל זיין צוגעפאסט צו די באניץ פונעם מענטש.

אזוי ווי יעדער רויע מאטריאל אין די בריאה, דארף דער מענטש צופאסן צו זיך, די בריאה פאר זיך איז רויע, דער מענטש נעמט האלץ און ארבעט אריין עס צו צופאסן צו קענען בויען וכו', ער נעמט אייזן צו צופאסן צו מאכן קארס, און אזוי ווייטער אלע רויע זאכן אין די בריאה, ארבעט דער מענטש אריין צו צופאסן צו זיך.

די זעלבע זאך איז מיט 'זמן' און 'מקום', דער מענטש דארף אריינלייגן אסאך כוחות עס צו צופאסן צו זיך, ווי לאנג דער 'מקום' איז נישט צוטיילט און אפגעמאסטן איז עס נישט צוגעפאסט פארן מענטש, די זעלבע זאך איז מיט צייט, דער מענטש דארף נעמען די רויע זאך וואס הייסט צייט און עס צו פאסן צו זיך, צו פאסן צו די מענטשהייט, אז ער זאל זיך קענען באניצן מיט דעם, אז ס'זאל אים ארויסהעלפן אין די טאג טעגליכע לעבן.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+